# געפונט אויס מער אונטן איבער וויאזוי צו באקומען NRT און אנדערע טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען לויט אייער אינשורענס דעקונג.

| | | |
|---|---|---|
| ■ = געדעקט | ■ = נישט געדעקט | ■ = געוואנדן אויפן פלאן |

**אויב איר האט ניו יארק סטעיט (New York State, NYS) Medicaid:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| נאז ספרעי | ווערעניקלין | ביופראָפיאן SR | אינהעילער |
| לאזענדזש | גאָם | פעטש | |

- מיט א פרעסקריפשען, דעקט NYS Medicaid אלע פינף סארטן NRT (פעטש, גאָם, לאזענדזש, אינהעילער און נאז ספרעי) און אזוי אויך די מעדיצינען ביופּראָפיאן SR (Zyban אדער Wellbutrin) און ווערעניקלין (Chantix).
- NYS Medicaid האט נישט קיין גרעניץ אויף די צאל פרעסקריפשענס וואס זענען געדעקט, און עס פארלאנגט נישט קיין באשטעטיגונג פון פאראויס.
- NYS Medicaid דעקט אויך מער פון איין סארט NRT אדער טאבאקא באהאנדלונג מעדיצין אין די זעלבע צייט. דאס מיינט, צום ביישפיל, אז איר קענט בעטן אייער דאקטאר אייך צו פארשרייבן סיי א סארט NRT וואס ווערט ארויסגעלאזט צוביסלעך (פעטש) און סיי א סארט NRT וואס ארבעט גלייך (גאָם, לאזענדזש, נאז ספרעי אדער אינהעילער) און Medicaid וועט דעקן ביידע. איר קענט אויך בעטן פרעסקריפשענס פאר סיי NRT און סיי ביופּראָפיאן SR און Medicaid וועט דעקן ביידע.

**וויאזוי קען איך באקומען טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען?**

## אויב איר האט :Medicare

| | | | |
|---|---|---|---|
| נאז ספרעי | ווערעניקלין | ביופּראָופּיאן SR | אינהעילער |
| לאזענדזש | גאָם | פּעטש | |

- מיט א פּרעסקריפּשען, דעקן Medicare Part D און Medicare – Advantage (Part C) פּרעסקריפּשען מעדיצין פּלענער די ניקאטין נאז ספּרעי, ניקאטין אינהעילער, ביופּראָופּיאן SR (Zyban אדער Wellbutrin) און ווערעניקלין (Chantix).
- Medicare דעקט נישט NRT וואס איז דא צו באקומען אָווער די קאַונטער (פּעטש, גאָם און לאזענדזש), אפילו מיט א פּרעסקריפּשען.

## אויב איר האט א פּריוואטע אינשורענס פּלאן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| נאז ספרעי | ווערעניקלין | ביופּראָופּיאן SR | אינהעילער |
| לאזענדזש | גאָם | פּעטש | |

(אריינרעכענענדיג פּלענער וואס איר באקומט דורך אייער ארבעטסגעבער)

- NYS געזעץ פאדערט פון העלט אינשורענס פּלענער צו צושטעלן דעקונג פאר אלע סארטן NRT און אנדערע טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען וואס זענען באשטעטיגט דורך די עסנווארג און דראג אדמיניסטראציע (Food and Drug Administration, FDA). טייל פּלענער האבן אבער אן אויסנאם פון די פאדערונג, און דערפאר איז דאס וויכטיג זיך צו פארבינדן דירעקט מיט אייער אינשורענס פירמע (רופט די נומער אויף די הונטערשטע זייט פון אייער אינשורענס קארטל) און אויסגעפונען וואס עס דעקט. פרעגט די פאלגנדע פראגן צו אויסגעפונען וואס איז געדעקט:
  - וועלכע טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען זענען געדעקט דורך מיין אינשורענס פלאן? (פרעגט איבער יעדע מעדיצין באזונדער.)
  - צי זענען דא תנאים פאר די מעדיצין דעקונג? (תנאים קענען אריינרעכענען צו האבן א באשטעטיגונג פון פאראויס אדער א דאקומענט פון אייער דאקטאר אז איר האט פרובירט אן אנדערע מעדיצין אין די פארגאנגענהייט און עס האט נישט געארבעט.)
  - איז די קאסט פון די מעדיצין פולשטענדיג געדעקט, אדער דארף איך באצאלן א חלק דערפון? וואס איז מיט א קאָופּעי?

**וויאזוי קען איך באקומען טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען?**

NYC Health

**NEW YORK CITY DEPARTMENT OF HEALTH AND MENTAL HYGIENE**
Ashwin Vasan, MD, PhD
*Commissioner*

יוני 2024

טייערע קאלעגן,

אלס העלט קעיר פראפעסיאנאלן, ווייסן מיר אז העלפן פאציענטן אדרעסירן טאבאקא באנוץ איז פון די וויכטיגסטע זאכן וואס מיר קענען טוהן זיי צו העלפן פארבעסערן זייער געזונטהייט. פילע פאציענטן דארפן אבער מער פון בלויז אייער ראט. טאבאקא באנוץ באהאנדלונג קען גיבן פאר פאציענטן שטיצע און די מעגליכקייט זיך צו באגיין מיט די אומבאקוועמליכקייט פון אויפהערן נוצן טאבאקא, אפגעזעהן צי זיי זענען גרייט צו אויפהערן אדער דארפן הילף מיטן זיך אן עצה גיבן אין פלעצער וואו מען טאר נישט רויכערן, ווי ביי א וואוינונג געביידע אדער ארבעטספלאץ. אייער ראט צוזאמען מיט באהאנדלונג – סיי מעדיצינען וואס ארבעטן צוביסלעך (ווי ביופּראָפּיאן SR אדער א ניקאטין פּעטש) און מעדיצינען וואס ארבעטן גלייך (ווי ניקאטין גאָם, לאזענדזש, נאז ספּרעי אדער אינהעילער) צו אדרעסירן א באלדיגע דראנג צו רויכערן – קענען זיין א קריטישע שטיצע אין סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע מצבים.

לעצטיגע ענדערונגען אין דעקונג דורך NYS Medicaid באצאלונג פער סערוויס (Fee-for-Service, FFS) און דורך אלע 18 מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס (Managed Care Organization, MCO), און אזוי אויך ענדערונגען צו מעדיצין פארשריפטן פון די FDA, מאכן דאס גרינגער צו פארשרייבן די זיכערע און ווירקזאמע באהאנדלונגען פאר אייערע פאציענטן:

- NYS Medicaid האט אוועקגענומען די באגרעניצונג אויף דעקונג צו צוויי באהאנדלונג פלענער א יאר פאר מעדיצינען צו אויפהערן רויכערן. דאס רעכנט אריין אלע זיבן FDA-באשטעטיגטע טאבאקא באנוץ מעדיצינען און אזוי אויך עטליכע מעדיצינען צוזאמען, ווי צוםביישפיל צוביסליכע און באלדיגע מעדיצינען.
- NYS Medicaid האט אוועקגענומען די פארלאנג צו באקומען באשטעטיגונג פון פאראויס צו פארשרייבן טאבאקא באנוץ מעדיצינען (חוץ פון ברענד-נעים פראדוקטן ווען די זעלבע מעדיצין איז דא צו באקומען אין גענערישע פארעם).
- די FDA האט באשטעטיגט צו אוועקנעמען דיווארענונג איבערן נוצן צוויי סארטן פראדוקטן וואס אנטהאלטן ניקאטין אין דעם זעלבן צייט, אנדייטנדיג אז עס זענען נישטא קיינע באדייטנדע זיכערהייט זארגן מיטן פארשרייבן מער פון איין סארט ניקאטין ערזאץ טעראפיע (nicotine replacement therapy, NRT) אויף איין מאל אדער צו נוצן NRT צוזאמען מיט נאך א פראדוקט וואס אנטהאלט ניקאטין, ווי צום ביישפיל טאבאקא.
- די FDA האט באשטעטיגט צו אוועקנעמען די אנווייזונג צו באגרעניצן NRT באנוץ צו אכט ביז 12 וואכן און אזוי אויך צו אראפנעמען די ווארענונג פון די מעדיצין לעיבעל איבער פאטענציאלע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) אויף די מוח/גייסטישע געזונטהייט סיי פאר ווערעניקלין און סיי פאר ביופּראָפּיאן SR ווען זיי ווערן גענוצט צו אויפהערן רויכערן.

רויכערן ראטעס זענען באדייטנד געפאלן אין לויף פון די לעצטע צוואנציג יאר, אבער מיר האבן נאך ארבעט צו טוהן. טאבאקא באנוץ זעצט פאר צו זיין א הויפט אורזאך פון פארמיידליכע קראנקהייטן און טויטפעלער, און רויכערן העכערט די סכנה פון ערנסטע קראנקהייט פון קאוויד-19. די לעצטנס אויסגעברייטערטע Medicaid בענעפיט פאר מעדיצין און די איבערגעארבעטע FDA פארשריפטן גיבן א גוטע געלעגנהייט צו אדרעסירן טאבאקא באנוץ מיט אייערע פאציענטן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר "**Be Free With NRT**" (זייט פריי מיט NRT).

אונטערגעשריבן,

Ashwin Vasan, MD, PhD
קאמישאנער
ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע

**טיילט מיט די בריוו מיט אייער דאקטאר צו באקומען א פּרעסקריפּשען פאר NRT אדער אנדערע טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען.**

# אפטע פראגן

## וויאזוי באקום איך א פרעסקריפשען פאר NRT אדער אנדערע טאבאקא באהאנדלונג מעדיציגען?

- רעדט מיט אייער דאקטאר און ערקלערט אז איר זענט אינטערעסירט צו פרובירן סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע מעדיציגען.
- **טיילט מיט די בריוו** מיט אייער דאקטאר. עס האט וויכטיגע אינפארמאציע איבער NRT, אריינרעכענענדיג אז עס איז זיכער צו נוצן NRT בשעת'ן רויכערן.

## וויאזוי ווייס איך וועלכע NRT אדער מעדיצין איך וויל פרובירן?

באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר "**Be Free With NRT**" (זייט פריי מיט NRT) צו טרעפן מער אינפארמאציע, אריינרעכענענדיג:

- אן **אנווייזונג ביכל** וואס ערקלערט וויאזוי צו נוצן יעדע סארט מעדיצין, די מעלות און חסרונות פון יעדע מעדיצין און ענטפערס צו אפטע פראגן
- א **ווידעאו** איבער די בענעפיטן פון NRT און וויאזוי צו נוצן פארשידענע סארטן מעדיצינען

## וואס איז אויב איך האב נישט קיין אינשורענס און איך וויל פרובירן NRT?

- פארבינדט זיך מיט די NYS אויפהערן רויכערן האטליין (Smokers' Quitline) צו רעדן צו א קאנסעלאר און צו געוואויר ווערן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר אן אומזיסטע קיט פון NRT פאר אנהויבער.
- באזוכט **nysmokefree.com** אדער רופט 866-697-8487.
- באזוכט **nyc.gov/health/map** צו טרעפן לאקאלע פראגראמען צו העלפן אויפהערן רויכערן וואס אפפערן אומזיסטע מעדיצינען נעבן אייך.
- אויב איר דארפט הילף מיטן זיך איינשרייבן פאר העלט אינשורענס, אריינרעכענענדיג Medicaid, קענט איר אראפקומען צו א לאקאציע און באקומען אומזיסטע הילף:
- רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר "**health insurance**" (העלט אינשורענס) צו פארבינדן ווערן מיט איינעם וואס העלפט זיך איינשרייבן.

**וויאזוי קען איך באקומען טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען?**

# וויאזוי קען איך באקומען טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען?







מיט רויכערן פארבאטן אין פילע עפנטליכע פלעצער און אין הייזער, קען דאס זיין שווער פאר מענטשן וואס נוצן טאבאקא פראדוקטן זיך צו באגיין מיט די דראנג צו רויכערן און מיט די סימפטאמען וואס זיי פילן ווען זיי רויכערן נישט. ווען מענטשן נוצן טאבאקא באהאנדלונג מעדיצינען ווי ניקאטין ערזאץ טעראפיע (nicotine replacement therapy, NRT) זענען זיי מער ווארשיינליך צו מצליח זיין נישט צו נוצן טאבאקא ווען זיי דארפן אדער ווילן, אפגעזעה צי זיי זענען גרייט צו אויפהערן אינגאנצן.

דריי סארטן NRT (די פּעטש, גאָם און לאזענדזש) זענען דא צו באקומען אָווער די קאַונטער — דאס הייסט אז איר קענט זיי קויפן אין א פארמאסי אן א פּרעסקריפּשען. **אבער אויב איר האט אינשורענס און איר באקומט א פּרעסקריפּשען פון אייער דאקטאר, דאן קענען NRT און אנדערע מעדיצינען ווי ביופּראָופּיאן SR (Zyban אדער Wellbutrin) און ווערעניקלין (Chantix) געדעקט *ווערן פאר א נידעריגע פרייז אדער אינגאנצן אומזיסט פאר אייך.***